# מוות קליני 2

## איך בין דארט געווען

א פרוי אין ירושלים האט דערציילט ביי א גרויסן כינוס התעוררות, א פערזענליכע מורא'דיגע מעשה, ווי זי איז געווען אין א מצב פון מוות קליני (קליניק-טויט), און וואס עס האט מיט איר פאסירט:

איך גיי אסאך צו קברי צדיקים און איך בין מתפלל און וויין צום הייליגן באשעפער: 'רבונו של עולם, עס איז מיר זייער שווער צו גיין ביי גרויסע פארזאמלונגען און שיעורים כדי צו דערציילן וואס עס האט מיט מיר פאסירט, אבער איך בין גרייט עס צו טוהן מיט מיין גאנצן הארץ, און איך בעט דיר רבונו של עולם, העלף אונז, מיר זאלן אלע טוהן תשובה שלימה, העלף אז מיינע ווערטער זאל אריינדרינגען אין די טיפענישן פון יעדן'ס הארץ און נשמה. מיין דערציילונג זאל געהערט ווערן און אריינצופאלן אין עצבות און אין פחדים, און יעדע איינע זאל וויסן אז אויב זי טוהט ריכטיג תשובה, שטייט זי נאך העכער פון צדיקים גמורים'.

איך וועל דערציילן די מעשה בקיצור, ווייל די מעשה האט זיך געצויגן אומגעפער פון ניין אזייגער ביינאכט - פרייטיג צונאכט'ס, ביז פיר אזייגער פארטאג'ס.

איך בין געבוירן געווארן און ערצויגן געווארן אין א ערליכע שטוב. איך האב זיך אלעמאל באטראכט פאר א צניעות'דיגע כשר'ע אידישע טאכטער, אזוי ווי אסאך אנדערע ירושלימ'ער פרויען. בפרט אז איך האב מקפיד געווען אויף א צניעות'דיגע לבוש און איך בין געגאנגען צוגעדעקט מיין קאפ מיט א טיכל. איך האב זיך אויך שטארק אנגעשטרענגט פארן חינוך פון מיינע קינדער, ממש מיט מסירות נפש. פונדעסטוועגן האב איך זיך שפעטער איבערצייגט, אז איך האב נישט געוואוסט וואס עס מיינט אמת'דיג צניעות און אמת'ע יראת שמים. איך האב נישט געוואוסט די וויכטיגקייט פון דעם אז פרעמדע מענער זאלן נישט הערן מיין קול (קול באשה ערוה), די וויכטיגקייט פון זיין אפגעהיטן אין כבוד הורים און אין די הארבקייט פון די עבירות פון לשון הרע און רכילות.

איין נאכט, ווען עס איז אויסגעפאלן די יארצייט פון מיין באבע ע"ה, איז מיין באבע געקומען אין חלום צו מיין ברודער און אים געזאגט: גיי צו אסתר'קע און זאג איר, אז עס גייט מיט איר פאסירן א שרעקליכע שטארקע צרה.

מיין ברודער האט מיר דערציילט זיין חלום. געווענליך פלעג איך זיך נישט צוטוהן מאכן פון חלומות, אבער איך האב געטראכט, אז אויב מיין באבע איז געקומען אין חלום פונקט אין די נאכט פון איר יארצייט, מוז איך יא אנעמען ערנסט דעם חלום.

אין מיין נאטור האב איך זייער ליב געהאט צירונגען. איך פלעג ארויסגיין אויפן גאס מיט קארעלן, קייטן, א רינגל אויף איין פינגער און א רינגל אויפן צווייטן פינגער, איך האב נישט געוואוסט אז מען טאר נישט. דער רבונו של עולם האט מיר געהאלפן און עס איז מיר איינגעפאלן א געדאנק, איך זאל זיך פארנעמען מער נישט ארויסצוגיין אויפן גאס אויסגעפוצט מיט צירונגען, נאר ביי מיר אין שטוב וועל איך אנטוהן צירונגען.

עטליכע טעג זענען אריבער, און איך האב אנגעהויבן זיך פילן שוואך. מיט יעדן טאג וואס עס איז אריבער האב איך זיך געפילט ערגער און ערגער, ביז פרייטיג האב איך שוין געפילט זייער שלעכט, איך האב געפילט ווי מיין לעבן ענדיגט זיך. איך האב פרובירט זיך פארבינדן מיט א דאקטער, אבער ער האט נישט געענטפערט, אין שפיטאל האב איך נישט געוואלט אריינגיין, ווייל אויב איך גיי אוועק גיין פון דער וועלט, וויל איך עס זאל געשעהן אויף מיין אייגענע בעט און נישט אויף א שפיטאל בעט.

יענעם פרייטיג קען איך נישט פארגעסן. איך האב נישט געהאט כח, אבער דער רבש"ע וואס איז הכל יכול האט מיר געהאלפן און איך האב מיט די לעצטע כוחות געטוהן מיין ארבעט. איך האב גרונדליך ריין געמאכט די שטוב, כדי אז ווען מען וועט זיצן שבעה זאל זיין ריין. אויך וועש האב איך אויסגעוואשן, אז אלעס זאל זיין מסודר אין שאפע.

דער שבת איז אנגעקומען, איך האב געצונדן שבת ליכט און נאכן צינדן האב איך אנגעהויבן זעהן דעם מלאך המוות.




מיין מאן איז אהיים געקומען און געזעהן אויף מיין פנים אז איך בין נישט אין ארדענונג און ער האט געוואלט רופן א אמבולאנס. איך האב אים געבעטן ער זאל נישט רופן, ווייל איך וויל נישט דערשרעקן די קינדער. לאמיר מאכן קידוש און עסן די סעודה, און נאכן בענטשן וועסטו לייגן די קינדער שלאפן, דערנאך וועלן מיר זעהן וואס צו טוהן ווייטער.

מיר האבן זיך געזעצט צום שבת טיש, מיין מאן האט געזונגען זמירות, געמאכט קידוש און געגעסן. איך בין געזעצן ביים טיש און זיך געפילט זייער שלעכט, איך זעה דעם מלאך המוות, אבער איך האב געפילט אז ער קען מיר יעצט נישט צונעמען, ווייל די גאנצע שטוב איז פול מיט קדושה, איך האב נישט קיין צייטונגען, איך זיץ אין א שטוב פול מיט הייליגע ספרים, אויפן טיש ברענען די הייליגע שבת ליכט און מען זינגט זמירות, ווען איך האב געפילט אז אין קען מער נישט... האב איך זיך אויפגעהויבן און קוים אנגעקומען צו מיין בעט, וואו איך בין אריינגעפאלן א פאר'חלש'טע. איך בין איינגעזונקען אין א טיפן שלאף און געלעגן בלי הכרה אפאר שעה.

איך האב געזעהן פאר מיינע אויגן א גרויסן שווארצן מלאך מיט גרויסע פליגלען, און ער האלט אין זיין האנט א שארפע שווערד. ער איז צוגעקומען צו מיר מיט א שרעקליכע רציחה און מיר געזאגט: "איך בין געקומען דיר אוועקכאפן פון דער וועלט צום עולם האמת!" איך האב זיך מורא'דיג דערשראקן, עס האט מיר ארומגענומען אזא פחד, וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן, אויב מען זאל מיר ברענגען די שרעקליכסטע חיות רעות וואס עקזיסטירן אויף די וועלט, וועט עס מיר נאך אלץ נישט אזוי דערשרעקן ווי עס איז געווען די שרעק פארן מלאך המוות.

און דער מלאך, וואס ער איז דער יצר הרע וואס רעדט אונז צו צו זינדיגן און שטעלט אונז אונטער אלע שווערע נסיונות: טוה אן דעם מלבוש, פוץ זיך אויס פארן גיין אין גאס, רעד איבעריגע ווערטער מיטן בעל מלאכה אדער געשעפט'ס מאן אדער דאקטער, א.א.וו. און דערנאך קומט ער אונז צונעמען פון דער וועלט און ארויפטראגן אויפן עולם האמת.

פארוואס זאלן מיר זיך צוהערן צו אים? פארוואס זאלן מיר זיך נישט צוהערן צום יצר טוב? פארוואס זאלן מיר מצער זיין דעם רבונו של עולם???

מיר לעבן טאקע אין א שווערע וועלט, פול מיט ביטערע נסיונות, אבער מיר מוזן אריינטראכטן: צוליב וואס זענען מיר געקומען אויף דער וועלט? א פרוי איז באשאפן געווארן צו ברענגען הייליגע דורות פארן אידישן פאלק, צו העלפן איר מאן אין זיין עבודת השם, דאס איז אונזער תפקיד!

לאמיר צוריק גיין צו מיין מעשה. איך האב אנגעהויבן צו ליינען קריאת שמע אין מיין שלאף, אבער דער שווארצער מלאך האט מיר געשטערט, ביי יעדע ווארט וואס איך האב ארויסגעזאגט האט ער געוואלט צונעמען מיין נשמה, און ער האט מיר געשלאגן מיט מערדערליכע קלעפ וואס ס'איז נישט מעגליך זיך צו פארשטעלן. ער האט געשריגן: "לייען נישט קריאת שמע! ווייל טאמער יא וועסטו נישט בלייבן לעבן!" ער האט דאך געוואוסט אז איך וויל לעבן, איז ער געקומען מיט שקרים, ווייל ער איז אלעמאל א ליגנער...

אזוי האט ער מיר געפרובט מיט אסאך נסיונות. איין נסיון איז געווען אז ער האט מיר געגעבן זייער א שיינע פרי, עס האט געבליטשקעט ארום דעם דיאמאנטן שטיינער און עס האט געהאט זייער א גוטן ריח. איך האב עס געוואלט עסן אפילו אן א ברכה, ווייל דער יצר הרע האט מיר איינגערעדט אז אזוי וועל איך צוריק באקומען חיות, אבער דער יצר טוב האט געווארנט: "עס נישט, ווייל עס איז נישט כשר!" און ברוך השם אז איך האב זיך באהערשט און נישט געגעסן.

אוי איז ער שלעכט, דער יצר הרע. נישט גענוג וואס ער רעדט אונז צו א גאנץ לעבן צו זינדיגן, וויל ער נאך אז אויך אין לעצטן טאג זאל מען טוהן עבירות. אויב עסט מען א גאנץ לעבן נישט כשר'ס, עסט מען דעם לעצטן טאג פון לעבן אויך נישט כשר'ס, אבער אויב טוהט מען תשובה ווילאנג מען לעבט, ווערט מען נישט נכשל דעם לעצטן טאג.

איינער וואס עסט א גאנץ לעבן נישט כשר'ס, דאן ווען עס קומט דער





טאג ווען ער דארף אפגעבן דין וחשבון, קומען אלע שווארצע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן בשעת ער האט געגעסן נישט כשר'ס, און האקן ארויס זיינע רוחניות'דיגע ציין מיט א שרעקליכע רציחה, עס טוהט זייער וויי, און מ'שלעפט נישט איין אזוי ווי ביי א ציין-דאקטער... נאר דאס ווערט געטוהן אן רחמנות...

איך האב זיך שוין געזעהן אויבן אין הימל, אין עולם האמת. אין די ערשטע מינוט וואס מען קומט דארט, זעהט מען קלאר וואס עס איז א מצוה און וואס אן עבירה, דארט ווערט מען נישט צומישט. אפילו א עבירה וואס זעהט דא אויס א קליינע עבירה, זעהט מען דארט ווי גרויס און הארב דאס איז. מען זעהט אז יעדע קליינע מצוה איז דארט א גאנצע וועלט, אזוי ווי די שטערנ'ס וואס מיר זעהען זייער פיצל זענען באמת אויבן גרויסע וועלטן. און ווען מען זעהט ווי גרויס יעדע עבירה איז, וויינט מען זייער שטארק, ווייל אויף יעדע קלייניגקייט, אויף יעדע מינדעסטע חוסר צניעות, ווערט מען באשטראפט. אבער עס איז שוין נישטא קיין שום ברירה, ווען מען איז שוין אויבן, קען מען שוין גארנישט מתקן זיין.

אבער טייערע אידישע טעכטער! ווילאנג מען לעבט קען מען מתקן זיין, א אמת'ע תשובה וואס מען טוהט נאך אויף דער וועלט, מעקט אויס די עבירות דארט אויבן.

איך בין געווען אין א מצב פון גסיסה. מיין גוף איז געלעגן דא אין עולם הזה, אבער איך האב זיך געזעהן אויבן אין הימל. איך האב דאן געזעהן מיין גאנצן לעבן, פון דעם טאג וואס איך בין געבוירן געווארן ביז יענעם טאג. איך האב געזעהן אלע עבירות וואס איך האב געטוהן, יעדע עבירה האט באשאפן שווארצע מלאכים מיט גרויסע, ריזיגע אויגן. נאר פון זעהן די מלאכים האב איך זיך מורא'דיג דערשראקן און זיך זייער געשעמט אז איך האב זיי באשאפן. איך האב געוואלט אנטלויפן אבער דארט איז נישטא וואו צו אנטלויפן...

פון דערווייטנ'ס האב איך געזעהן ווייסע, שיינע מלאכים, וואס זענען באשאפן געווארן פון די מצוות וואס איך האב געטוהן, און דארט האט געשיינט א גרויסע ליכטיגקייט.

אבער דא האבן די שווארצע מלאכים זיך גענומען איבער מיר. זיי האבן מיר געשלאגן מיט גרויסע שטעקענעס, און יעדער פון זיי האט געשריגן אויף מיר מיט שרעקליכע קולות און מיט רציחה'דיגע גרויסע אויגן: "דו ביסט שולדיג וואס איך בין באשאפן געווארן שווארץ! איך וועל זיך אין דיר נוקם זיין א שטארקע נקמה! וואס האסטו געמיינט? איך וועל דיר דאס פארשווייגן?! איך האב געוואלט זיין א ווייסער מלאך, נישט א שווארצער מלאך!" אזוי האבן זיי מיר געשלאגן מכות אכזריות. עס איז מיר געווארן זייער הייס, עס האט נישט אויסגעזעהן ווי א מינוט אדער א שעה, נאר ווי ס'וואלט געדויערט טויזנטער יאהרן! איך ווייס נישט פון וואו איך האב גענומען די כוחות צו ליידן אזעלכע עונשים, איך האב געוואלט עפענען א פענסטער, אבער עס זענען נישטא דארט קיין פענסטער'ס.

ברוך השם איך בין אלעמאל געגאנגען מיט צניעות'דיגע קליידער, און אויב א פרוי גייט א גאנץ לעבן מיט צניעות'דיגע מלבושים, זעהט זי זיך אין לעצטן טאג אויף איר העכסטע דרגה אין צניעות. אבער אויב חלילה איז זי נישט געגאנגען מיט צניעות'דיגע מלבושים, זעהט זי זיך דארט אויף א פריצות'דיגן אופן, אבער אויב טוהט זי תשובה ווילאנג זי לעבט, וועט זי זיך יא זעהן אויבן אלץ א צניעות'דיגע פרוי.

און אויב האט מען נישט תשובה געטוהן, אוי ווי שרעקליך איז די בושה דארט אויבן... ברוך ה' - אויף די אויפפאלנדע צירונגען וואס איך פלעג טראגן האב איך נישט באקומען קיין שטראף - ווייל איך האב פון פאראויס מקבל געווען אויף מיר, מער נישט צו טראגן אויפן גאס די צירונגען.

דער מלאך המוות האט מיר אנגעברענגט זייער אסאך מלאכי חבלה, און איך האב געפרעגט: "פארוואס ברענגט מען מיר אזויפיל שלעכטע מלאכים? איך געדענק נישט אז איך האב געטוהן אזויפיל עבירות?!"

האבן זיי געענטפערט: "דאס איז דערפאר ווייל ווען מען האט דיר ארויסגעהערט זינגען און לאכן, אפילו דו האסט עס געטוהן אן כוונה, און אפילו דו האסט געזונגען ביי דיר אין שטוב, אבער מענער האבן דיר ארויסגעהערט. ביסט נישט געווען אפגעהיטן נישט צו רעדן הויעך אין גאס, און האסט אויך נישט מקפיד געווען נישט צו רעדן איבעריגע ווערטער מיט פרעמדע מענער.



אויך אין ענינים פון לשון הרע און רכילות האב איך געטראכט אז איך זינדיג נישט אזוי שטארק, אבער אויפן עולם האמת האב איך געזעהן ווי הארב דער זינד איז, און ווי ביטער מען שטראפט דערפאר. איך האב דאן געטראכט, אז אויב איך וועל ווייטער לעבן, וועל איך שוין אפילו גוט'ס אויך נישט רעדן אויף קיינעם אין דער וועלט, כדי נישט צו נכשל ווערן אין די עבירה.

אזוי שטייענדיג דארט, האב איך אויך געזעהן אסאך ווייסע מלאכים. דער רבש"ע האט זיי געשיקט מיט זיין רחמנות, אז איך זאל אויך זעהן מיינע מצוות, אבער פון מיינע ליידן האבן זיי מיר נישט געקענט העלפן. זיי זענען נאר געקומען ביים בית דין של מעלה און גערעדט צו מיר. יעדער מלאך האט מיר געזאגט: פריי זיך אז דו האסט געטוהן די מצוה און נישט די עבירה, ווייל אויב דו וואלסט געטוהן די עבירה, אוי וואס דו וואלסט געדארפט ליידן דערפאר...

אויף יעדע עבירה האט מען מיר עקסטער געשטראפט. און יעדע רגע פון יסורים דארט אויבן, איז שווערער פון זיבעציג יאהר פון די שווערסטע יסורים און מחלות אויף דער וועלט. און אויסער דער צער און יסורים וואס מען קען נישט פארשטעלן, איז אויך דא א שרעקליכער צער פון בושה, וואס דאס איז נאך ערגער ווי די יסורים. ווייל דארט איז א עולם האמת, און פאר יעדע קלענסטע עבירה איז די בושה זייער גרויס. דארט אויבן רעכנט מען יעדע קליינע זאך פאר א גרויסע זאך, און אויף קיין זאך איז מען נישט מוותר, און בפרט ביים ענין פון צניעות איז דער עונש שרעקליך גרויס, און ברוך ד' אז איך בין געווען אפגעהיטן אין דעם און שטענדיג אנגעטוהן לאנגע ברייטע קליידער, אבער ווייל איך האב א הויכע קול און איך האב גערעדט אויפן גאס און פרעמדע מענער האבן מיר געהערט און זיך אויסגעדרייט קוקן אויף מיר, אפילו איך האב עס געטוהן אומווילנדיג - האב איך זיי מכשיל געווען און די קליפה פון מכשיל זיין מענער האט זיך אנגעקלעפט אין מיין נשמה, און די קליפות האבן מיר געשלאגן מכות אכזריות - אז די סימנים פון די קלעפ זענען מיר געבליבן אויך ווען איך בין צוריק געקומען אויף דער וועלט.

די קליפות שלאגן אן רחמנות און שרייען משונה'דיגע קולות: "פארוואס האסטו מיר באשאפן?" און יעדע קליפה שרייט פון וואס זי איז באשאפן געווארן און פון ווען זי איז באשאפן געווארן. און יעדע רגע אין עולם הבא פילט זיך ווי זיבעציג יאהר, און יעדע שעה בעולם הבא פילט זיך ווי אפאר טויזנט יאהר. אזוי אז ווען מען האט מיר צוריק געגעבן די נשמה, האב איך געפילט ווי איך האב געלעבט טויזנטער יאהר. איך האב מתפלל געווען צום רבונו של עולם און געבעטן, ער זאל רחמנות האבן אויף מיר, ווייל איך בין נאך אזוי יונג, און איך פיל זיך ווי א אלטע פרוי פון אפאר טויזנט יאהר אלט. איך האב געבעטן דעם רבש"ע ער זאל מיר מוחל זיין, און ברוך ד' דער צער איז שוין אוועק גענומען געווארן פון מיר. אבער דעם קשר צום עולם האמת פיל איך נאך ביז היינט און איך קען נישט פארגעסן אלעס וואס איז אויף מיר אריבער.

איך האב דארט געזעהן א גרויסע ליכטיגקייט פון די שכינה, וואס די שכינה איז הקב"ה. איך האב געזעהן ווי די שכינה וויינט, אין אמת'ן וויינט די שכינה זייער שטארק טאג און נאכט, זי וויל אונז אראפברענגען דעם בית המקדש, זיווארט אויף אונזערע מצוות און מעשים טובים.

איך האב געהערט אויבן ווי די שכינה וויינט צוליב דעם וואס איך לייד אזוי שטארק, ס'איז געווען א שטארקע געוויין און עס האט זייער וויי געטוהן צו הערן ווי אונזער טאטע וויינט! ער וויינט צוליב אונזערע עבירות!!!

פארוואס זאל מען לעבן א הפקר'דיגן לעבן? פארוואס זאל מען צולאזן דער רבש"ע זאל ליידן? פארוואס קומט עס איס? פארוואס ווילן מיר נאר אונזערע פארגעניגנ'ס, און מיר טראכטן נישט פון רבש"ע???

טייערע אידישע טעכטער! דא אויף דער וועלט קענען מיר נאך מתקן זיין און פארמיידן אסאך גזירות, דאס איז אונזער ציל, דער גרויסער, גוטער, זיסער באשעפער, אונזער טאטע, ער וויל אונז געבן אזויפיל גוט'ס! עס שטייט געשריבן אז אויב מיר וואלטן מקיים געווען די הייליגע תורה, וואלטן מיר באקומען נאר שפע און ברכות.

ווען איך האב דארט אזוי געשריגן און געוויינט, האב איך געהערט ווי א נשמה וויינט און שרייט מיט ביטערע קולות, און ווי הויך איך האב געשריגן מיט שרעקליכע בכיות און קולות, זענען אבער יענע קולות געווען פיל שטארקער, וואס אזעלכע קולות הערט מען נישט דא אין עולם הזה. ווען איך האב געפרעגט פארוואס



יענע נשמה שרייט אזוי שרעקליך, האט מען מיר געזאגט: "די נשמה האט געטוהן פיל עבירות און בעיקר איז זי נישט געגאנגען אנגעטוהן בצניעות" און חוץ די מלאכי חבלה וואס האבן איר געפייניגט, זענען אויך געקומען שרעקליכע רוחניות'דיגע חיות, וואס האבן געריסן פון איר שטיקער און איר אויפגעגעסן. די נשמה האט געשריגן מיט באנומענע קולות אז עס איז געווען איום ונורא, ווער עס גייט מיט א אויסגעשניטענע האלז, אדער ראשיג, דורכזיכטיג, רויט אדער חלילה אויסגעפאסט, אדער וואס עס ציהט די אויג, אדער סיי וועלכע גע'אסר'טע מלבוש, ווערט דארט געשטראפט מיט ביטערע עונשים וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן.

איך האב געהערט נאך געשרייען און געוויינען פון א נשמה, און מען האט מיר געזאגט אז די נשמה איז פון איינע וואס האט געטוהן אסאך עבירות אין ענינים פון פריצות און מחטיא געווען אסאך מענטשן. זי האט באשאפן מלאכי חבלה און ווילדע חיות, און יעצט האט מען איר אריינגעווארפן אין כף הקלע, דארט נעמט מען די נשמה און מעןווארפט איר ארום פון איין עק וועלט צום אנדערן. זי פאלט אראפ און מען נעמט איר און מען ווארפט איר נאכאמאל, און אזוי ליידט זי שרעקליכע בזיונות, די מלאכי חבלה לויפן איר נאך זיי נעמען פייער און פארברענען איר, מען לעשט אויס דעם פייער און מען צינדט עס נאכאמאל אן און מען פארברענט איר נאכאמאל, און די נשמה שרייט און וויינט: "לייגט מיר שוין אין גהינום, איך קען שוין מער נישט אויסהאלטן די שרעקליכע ליידן!!!..." אזוי קען זי ליידן יאהרן, ביז זי קען צוריק קומען פארן בית דין של מעלה.

דערנאך איז מען געקומען צו מיר און מיר ארויסגענומען די אויגן צו זעהן אויב איך האב אמאל אין מיין לעבן געגלוסט צו וואס מען טאר נישט גלוסטן, צו איך האב אמאל געהאט קנאה אדער שנאת חינם. דער ארויסנעמען די אויגן איז זייער שרעקעדיג, איך האב געטראכט מיט שרעק: וואס וועט דא זיין מיט מיינע אויגן? אבער ברוך ד' ביים לעבן האב איך געארבעט אויף מיר, איך זאל נישט האבן קיין קנאה.

אבער אויב מען האט קנאה, קומען צו גיין מלאכי חבלה און שטעכן די אויגן פון די נשמה. זיי שטעכן ווי נעגל און ווי שפיז און אן צו איינשלעפן, דאס טוהט שרעקליך וויי און עס איז אן רחמנות. און ברוך ד' מען האט נישט געטראפן קיין עבירה פון קנאה אין מיינע אויגן.

וואס איז דאס קנאה? מיין חבר'טע האט אזא קלייד, איך וויל עס אויך קויפן. אויב עס איז א צניעות'דיגע קלייד און זי האט געלט, קען זי עס קויפן, אבער אויב זי בעט פון איר מאן געלט און ער האט איר נישט צו געבן און צום סוף קומט ארויס א קריגעריי אדער אנדערע עבירות, דאס איז אסור.

ווי אזוי קען מען ארבעטן אויף זיך נישט צו האבן קנאה? נאר דורך תפילה, מען דארף בעטן: "רבונו של עולם, נעם אוועק פון מיר די קנאה, העלף מיר איך זאל נישט גלוסטן און איך זאל נישט מקנא זיין", און דאן העלפט דער רבש"ע, מען זאל זיך קענען פארמעסטן מיט די מידה פון קנאה. און ווער עס האט יא קנאה, ליידט דערפון זייער שטארק אויבן אין הימל.

אויף יעדע זאך דארפן מיר בעטן דעם רבש"ע. נישט אלעמאל קען מען דאווענען און זאגן תהלים. מיר דארפן זיך אבער איינגעוואוינען צו רעדן צום אויבערשטן, און אויב בשעת'ן לעבן בעט מען 'רבונו של עולם העלף מיר' קען מען עס אויך זאגן בעולם האמת, דאס קען אסאך העלפן דארט אויבן.

איך האב זיך אויך זייער געפרייט אויף דעם וואס איך האב מקפיד געווען אויף כשר'ע מאכלים, און מען האט מיר געזאגט דארט אויבן אז איך דארף זיך זייער פרייען מיט דעם, ווייל דער עונש וואס מען באקומט אויף עסן מאכלות אסורות איז אז מען רייסט אים אויס די ציין.

איך דאנק אויך דעם רבש"ע וואס איך האב זוכה געווען זיך מוסר נפש זיין אויף חינוך הבנים און פאר דעם האב איך טאקע צוריק באקומען מיין נשמה, כדי איך זאל קענען ווייטער זיי מחנך זיין מיט קדושה וטהרה.

דארט אויבן וויינט דער בית דין של מעלה, זיי האבן נישט ליב ארויסצוזאגן א שלעכטן גזר דין. עס טוהט זיי וויי, אבער זיי האבן נישט קיין ברירה... אוי, איז דאס א שרעק, איך בין אריבער אסאך שרעק אין עולם הזה, אבער דאס אלעס איז גארנישט קעגן די ליידן און שרעק דארט אויבן.

ברוך ד' אז איך בין נישט געבליבן אויבן און איך האב נאך געקענט צוריק אראפקומען. אבער זייענדיג אויבן האב איך




ווייטער געהערט שרעקליכע געשרייען און געוויינען פון א נשמה. אזעלכע געשרייען וואס איז נישט צום אויסהאלטן. עס האט זיך ארויסגעהערט פונם היכל פון בית דין של מעלה, ווי די נשמה שרייט: "אבער איך האב נישט געוואלט, איך האב נישט אזוי געטראכט!!!" און מען ענטפערט פאר די נשמה: "דו האט נישט געוואלט, און נישט געטראכט, אבער די עבירה איז ארויסגעקומען צוליב דיר, און דעריבער קומט זיך דיר דער עונש!"... און נאר צו הערן אזעלכע קולות כאפט אן א שוידער און א שרעק.

ביים בית דין של מעלה רעכנט מען אויס די עבירות וואס דער מענטש האט געטוהן און ער האט דערפון א שרעקליכע גרויסע בושה. די דריי דיינים - הייליגע צדיקים - פון בית דין של מעלה האבן זייער רחמנות און גרויס צער, צו דארפן ארויסגעבן די עונשים, אבער זיי מוזן ערפילן זייער תפקיד, און דאס דערציטערט און צושוידערט דעם מענטש, אזוי אז דער גרעסטער פחד אויף דער וועלט, איז ווי גארנישט אנטקעגן דעם אמת'ן פחד וואס מען האט דארט. ווען מען גייט אדורך פארן בית דין של מעלה האט דער רבש"ע גרויס צער, ווייל די שכינה דארף צוזעהן אלעס וואס מען טוהט פאר די נשמה און זי וויינט אויף איר זייער ביטער, אבער מען קען גארנישט העלפן, ווייל דער מענטש אליין האט באשאפן אלע מזיקים און שווארצע מלאכי חבלה מיט די גרויסע אויגן, און אויב די עבירה איז א גרעסערע, קומען אויך שרעקליכע חיות וואס טוהען פארן מענטש שווערע יסורים, און אויב די עבירות זענען נאך גרעסער, דאן איז יעדע מכה פון שווארצן מלאך, ערגער ווי הונדערט יאהר די גרעסטע ליידן און יסורים אויף דער וועלט.

ביי פארזאמלונגען (כינוסים) וואו איך גיי, זאג איך אין אפאר ווערטער וואס די ווייסע מלאכים האבן מיר געזאגט: "פריי זיך אז דו ביסט געגאנגען מיט א צניעות'דיגע טיכל דיין גאנצן לעבן, און דו ביסט נישט געגאנגען מיט א שייטל, ווייל אויב דו וואלטסט געגאנגען מיט א שייטל, וואלסטו נישט ארויס פון גהינום!". און איך רעד מער נישט צופיל פון דעם, ווייל איך זעה ליידער דעם חטא פאר מיינע אויגן. עס זיצן פאר מיר פרויען מיט שייטלען און עס איז מיר שווער צו רעדן וועגן דעם ענין, עס איז מיר זייער שווער צו טשעפען זייערע געפילן, אבער דא זעה איך נישט קיין פרויען מיט שייטלען ברוך ד', וועל איך יא זאגן אפאר ווערטער וועגן דעם.

ווען איך האב זיך אויפגעוועקט יענעם אינדערפרי האב איך זייער געוויינט, און איך האב געזאגט פאר מיין מאן: "וויפל פרויען ווייסן נישט די הארבקייט און זיי גייען מיט שייטלען. דער אמת איז דאך אז מען דארף גיין מיט א צניעות'דיגע טיכל, ווי אזוי שעמען זיי זיך נישט צו גיין מיט א שייטל? ווי אזוי האבן זיי נישט מורא פון דעם אויבערשטן?"

ווען איך זעה א פרוי מיט א שייטל, האב איך אזוי רחמנות אויף איר, וואס וועט זיין מיט איר אויפן עולם האמת? א שייטל איז מכשיל! עס איז ערווה! אפילו אויב עס איז א סינטעטישע שייטל זעהט עס דאך אויס ווי האר! אויף יענער וועלט וועט מען איר פרעגן: "ביסט געגאנגען צוגעדעקט דיין קאפ?" וועט זי ענטפערן "זיכער, אודאי!", וועט מען איר צוריק זאגן: "דו ביסט געגאנגען מיט האר!", וועט זי זאגט: "וואס עפעס? איך בין געגאנגען מיט א שייטל!" וועט מען איר ענטפערן: "דו ביסט געגאנגען מיט א שייטל? דאס איז האר! און דער שטראף דערפון איז אזוי ווי פאר האר!!!"

אסאך פרויען טענה'ן: "מיין רב זאגט אזוי" – וואספארא טענה איז דאס? א שייטל איז א מלבוש פון יצר הרע! ווי אזוי זענען אונזערע באבעס געגאנגען אנגעטוהן? אלע זענען געגאנגען מיט טיכלעך!

און וואספארא האר האבן די האר-שייטלעך? האר פון גוי'טעס! דאס לייגט מען ארויף אויפן קאפ, צוזאמען מיט אלע אומווירדיגקייטן וואס די גוי'טע האט געטוהן?! זי גייט אויפן גאס און אויפן קאפ טראגט זי א עבודה זרה! זי איז מכשיל מענער און זי וויל נאך זוכה זיין צו בנים צדיקים... זי איז גורם צו מעכב זיין די גאולה, ר"ל.

אין אמת'ן, דאס וואס איך קוס נאך רעדן ביי פארזאמלונגען (כינוסים) איז אין זכות פון רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל, ער איז געווען פון בית דין פון די עדה החרדית, איך בין געווען ביי אים און אים געזאגט: "איך וויל מער נישט גיין רעדן פאר פרויען, איך בין נישט ווערד צו דעם, איך שעם זיך, איך קען נישט רעדן קעגן שייטלען ווען קעגן מיר זיצן פרויען מיט שייטלען, ווייל עס איז מיר שווער צו פוגע זיין אין זיי, אפשר זאל איך בכלל נישט רעדן פונם נושא פון שייטלען"?! אבער ער האט מיר געזאגט אז איך בין מחויב צו גיין און רעדן וועגן דעם מיט א איידעלע שפראך, און ער האט צוגעלייגט: "איין זאך זאלט איר זאגן, אז צוליב די שייטלען וואס זיי טראגן, זענען זיי מעכב די גאולה".

איך וועל צוריק גיין צו מיין מעשה. אזוי שטייענדיג און כאפנדיג מכות, האב איך געטראכט: וואס וועט זיין מיט מיין משפחה? וואס וועט זיין מיט מיין מאן? ער וועט בלייבן אן א ווייב?! וואס וועט זיין מיט מיינע קינדער? זיי וועלן בלייבן אן א מאמע?! וואס וועט זיין מיט מיין טאטע און מאמע, אלע וועלן וויינען נאך מיר...

איך האב געהאלטן אין איין שרייען "איך וויל צוריק אראפגיין!" אבער דער מלאך המוות האט מיר נישט געוואלט לאזן אראפגיין. האב איך געשריגן "אין זכות פון מיינע זיידעס און באבעס - צדיקים און צדקניות, לאזט מיר אראפגיין!" און דער מלאך המוות האט געשריגן "וואס עפעס?" האט מיין באבע זיך אנגערופן "זאג אז דו ווילסט אראפגיין בזכות וואס דו האסט געהאט מסירות נפש פארן חינוך הבנים און דו ווילסט זיי ווייטער קענען מחנך זיין" האב איך אנגעהויבן שרייען קולות, אז דערפאר זאל מען מיר טאקע אראפלאזן צוריק, אבער דער מלאך המוות האט ווייטער נישט צוגעלאזט, האב איך ווייטער געשריגן "בזכות די צדיקים, מיינע זיידעס און באבעס דא אויבן!" און דער מלאך המוות שרייט צוריק "פארוואס זאל זי צוריקגיין בזכות צדיקים פון דא אויבן, מיט וועלכער צדיק אונטן האט זי א קשר?"

איך בין געווען שטארק מקושר צום רבי'ן פון תולדות אהרן זי"ע, עס זאל טאקע זיין לעילוי נשמת רבי אברהם יצחק בן רבי אהרן דוד, ער איז דאן געזעצן ביים טיש פרייטיג צונאכט'ס, און מיין ברודער האט שפעטער דערציילט אז דער רבי איז געזעצן און פארגאסן טרערן די גאנצע צייט. פיר אזייגער פארטאג'ס האט ער זיך אויפגעשטעלט און געוואונטשן יעדן 'גוט שבת', עס האט אויסגעזעהן אז ער האט געפילט אז עס טוהט זיך עפעס מיט מיר.

און ווען דער מלאך המוות האט געשריגן צו מיר: "צו וועלכן צדיק האסטו א קשר?" האב איך אנגעהויבן שרייען קולות: "רבי, קום נעם מיר אראפ!" און פלוצלונג האב איך געזעהן ווי מיין רבי קומט ארויף, זיין פנים האט געלויכטן מיט א שטארקע ליכטיגקייט, און וויבאלד ער איז אנגעקומען, זענען אלע מלאכי חבלה אנטלאפן צוזאמען מיטן מלאך המוות, ווייל זיי האבן זיך דערשראקן פון אים.

ער איז געקומען מיר נעמען און ער האט געזאגט: "איך גיי נישט אראפ, ביז מען וועט איר לאזן צוריק אראפגיין", און אין הימל האט מען אים געפאלגט (צדיק גוזר והקב"ה מקיים).

און פארוואס איז אונזער רבי געווען אזוי גרויס און הייליג, אז ער איז געווען בכח מיר צו קומען ראטעווען? ווייל ער איז געווען א גרויסער צדיק און ער האט זייער מקפיד געווען אלע יאהרן און אכטונג געגעבן אויף זיינע חסידים אז די פרויען און מיידלעך זאלן גיין בצניעות.

ברוך ד', איך האב זיך אויפגעוועקט, איך האב זיך געטראפן אויף מיין בעט דא אונטן. עס איז נישט שייך צו פארשטעלן די שמחה וואס איך האב געהאט, אז איך בין געבליבן ביים לעבן. איך האב נאך געפילט די ווייטאגן פון די מכות וואס איך האב באקומען, איך האב געהאט שווארצע און בלויע צייכנ'ס פון די קלעפ. ווען איך האב געוויזן די צייכנ'ס פאר מיין שוועסטער, האט זי שיעור גע'חלש'ט.

איך האב זיך נאך אלץ געפילט נישט גוט און זייער שוואך. מער ווי א האלבע יאהר האב איך נאך געהאט שטארקע יסורים און געפילט א מורא'דיגע שוואכקייט, אזוי ווייט אז איך האב נישט געקענט האלטן אין האנט א טישיו-פאפיר, מען האט מיר געדארפט אריינגעבן עסן און טרינקען אין מויל, אבער ברוך ד' מיט די צייט איז אלעס בעסער געווארן.

ווי שטארק איז געווען מיין שמחה, אז מען האט מיר צוריק געגעבן מיין נשמה, אז איך זאל נאך קענען מתקן זיין וואס איך האב קאליע געמאכט.

וויל איך נאכאמאל ארויסברענגען און מחזק זיין, ווי וויכטיג עס איז צו היטן אלע מצוות התורה, און בפרט די מצוה פון צניעות. און אויב א פרוי דאווענט צום אויבערשטן מיט אומ'צניעות'דיגע קליידער, ווערט אויף איר א גרויסער קטרוג אויבן: "ווי אזוי שעמט זיך נישט א אידישע טאכטער, צו שטיין אזוי פארן מלך מלכי המלכים?" זי איז פוגם אין דעם כבוד שמים! מען דארף זיין זייער געווארנט אין צניעות פון קאפ, און אויף די היינטיגע פירצה פון זיך שמירן און גיין מיט לאנגע אויערינגלאך, אויף אלעס וועט מען אפגעבן דין וחשבון און מען וועט זיך נישט קענען ארויסדרייען. א פרוי דארף זיך ארומקוקן אויב דער וועג ווי אזוי זי בינדט די טיכל איז גענוג צניעות'דיג, צו איז עס נישט אויפפאלנד. אויך





בעזרת השם יתברך

ספר

תקות הגאולה

תוכו רצוף אהבה דברי חיזוק והתעוררות על חיוב תקות וצפיית הגאולה, להיות משתוקק ומצפה תמיד בלי הרף לביאת משיח צדקנו, ולהתגלות כבוד מלכות שמים בעולם, ותועלת הצפיה, ומעלות המחכים

והוא העתק

מאמר הגאולה מספר שומר אמונים

עם הוספות משאר ספרים הקדושים



זאל זי אכטונג געבן נישט צו גיין אין קליידער וואס זענען שמאל, קורץ אדער דורכזיכטיג. און אויב מען שטרענגט זיך אן און מען וויל באמת זיין צניעות'דיג, האט מען סייעתא דשמיא און דער אויבערשטער העלפט מען זאל נישט נכשל ווערן, ווייל פון הימל העלפט מען יעדן איד וואס וויל גיין אין גוטן וועג.

אבער אויב מען פירט זיך נישט בצניעות, ווערן כסדר באשאפן קליפות און שלעכטע מלאכים וואס זוכן איר צו מזיק זיין, וויפל צרות זענען זיי גורם פאר איר און איר משפחה ח"ו, און זי ווייסט גאר נישט פארוואס דאס אלעס האט איר באטראפן. זייער אסאך מאל איז עס צוליב איר חוסר צניעות.

און אויב א פרוי וועט זאגן: "מיין מאן וויל איך זאל אזוי גיין אנגעטוהן", וועט מען אין עולם האמת איר פרעגן: "האסט טאקע געמיינט נאר צו טוהן דיין מאנ'ס רצון?... פאר דיין מאנ'ס וועגן האסטו געדארפט קויפן א שיינע צניעות'דיגע בגד, עס זאל אים געפעלן!" עס איז נישטא קיין היתר צו גיין קעגן דעם רצון ד' מיט א תירוץ אז דער מאן וויל אזוי.

אזוי וועט מען איר אויספרעגן פארשידענע שאלות אויף וואס זי וועט זיך נישט קענען פארענטפערן, ווייל דארט איז עולם האמת, און דארט קען מען ענטפערן נאר דעם אמת.

אויב עס איז נישטא קיין צניעות איז נישטא קיין קדושה, און די שכינה הק' דערווייטערט זיך פון אונז חלילה, דאס איז גורם ליידער אלע שרעקליכע צרות ר"ל. וויפל אלמנות, יתומים, מחלות און טראגעדיעס ר"ל פאסירן?! מען וויינט און מען שרייט און מען איז זיך נישט מתבונן פארוואס עס האט פאסירט?! דער עיקר חיוב פון א אידישע טאכטער איז צניעות, אויב זי גייט אויפן גאס מיט פריצות'דיגע מלבושים, איז זי מכשיל אנדערע, און אויף א מכשיל את הרבים שטייט 'אין לו חלק לעולם הבא'.

זאל דער באשעפער העלפן, אז אלע אידישע קינדער, מענער און פרויען, בחורים און מיידלעך, זאלן גיין אויפן אויסגעטראטענעם אידישן וועג, אויפן וועג פון צניעות און קדושה, ווייל צום סוף וועט יעדער דארפן אפגעבן דין וחשבון, סיי בעולם הבא און סיי ווען משיח וועט קומען. לאמיר האפן אז מיר אלע וועלן האבן די זכיה צו טוהן תשובה שלימה, און מתקן זיין אונזערע נשמות אויף דער וועלט, און מיר זאלן זוכה זיין צו כל טוב, אמן ואמן!

איך בעט יעדע איינע וואס וועט ליינען מיין מעשה, זאל וויסן אז דאס אלעס וואס איך האב דערציילט און פארגעשטעלט, איז אפילו נישט איין פראצענט פון וואס איך האב דארט באמת געפילט, ווייל מען קען די זאכן נישט פארשטעלן אויפן עולם הגשמי.

רבונו של עולם! אין דעם זכות וואס איך בין זיך מתוודה און איך שעם זיך מיט מיינע זינד, בעט איך דיר עס זאל זיין פאר מיר, פאר מיין מאן און מיינע קינדער און פאר גאנץ כלל ישראל - כפרת עוונות, און מיר זאלן זוכה זיין צו תשובה טוהן, אז אונזערע נשמות זאלן זיין ריין פון אלע קליפות, און מיר אלע זאלן דיר קענען דינען מיט א ריין הארץ, אן קיין קנאה, שנאה, מחלוקת, לשון הרע און רכילות, און מיר זאלן זוכה זיין צו די אמת'ע דרגה אין צניעות, און מיר זאלן אלע גיין קעגן משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.








התמונה באדיבות מכון המקדש

"...לְעוֹלָם יַרְגִּיז אָדָם יֵצֶר טוֹב עַל יֵצֶר הָרָע שֶׁנֶּאֱמַר רִגְזוּ וְאַל תֶּחֱטָאוּ, אִם נִצְּחוֹ מוּטָב וְאִם לָאו יַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה שֶׁנֶּאֱמַר אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם, אִם נִצְּחוֹ מוּטָב וְאִם לָאו יִקְרָא קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁנֶּאֱמַר עַל מִשְׁכַּבְכֶם, אִם נִצְּחוֹ מוּטָב וְאִם לָאו **יִזְכּוֹר לוֹ יוֹם הַמִּיתָה...**" (גמרא ברכות דף ה)


לזיכוי הרבים, ניתן לקבל את העלון והדיסק חינם.
פרטים בטלפון: 052-7120948

הופק ע"י ארגון 'כתר מלכות'
למידע נוסף, לכנסים ולתרומות:
050-4141441 02-6788888

ניתן לשמוע את ההקלטה 'תפארתנו' במוקד הטלפוני:
שמספרו 073-2338800 ולאחר מכן להקיש 80.

עיצוב גרפי: יעל אוקיי 0777-0111-99

נשים שהחליפו מפאה למטפחת ורוצות לקבל ברכה מצדיק יכולות להתקשר
02-5810763 ,050-4141441


טעון גניזה